# א ליכטיגן תמיד
אידיש

פנים מאירות

אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה


## אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוט מארגן - אשב"ש' שמועסן

**א גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן טאג, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד.**

### זיך לעבן מיט וואס אונז האבן יא

אונז גרייט מיר זיך אויף די הייליגע טעג הבעל"ט. אלס די הכנה פון די הייליגע טעג, איז דא די חדשים פון תמוז אב, שווערע חדשים. בעזר ה' ובס"ד, משיח קומט שוין, עס וועט שוין זיין די יום שכולו טוב, און עס וועט זיין כולו יום טוב. אבער עכ"פ, כדי דאס זאל געשען, דארף מיר אונז אריינלייגן א גרויסע הארעוואניע, און יעדער איינער זאל זיך אריינטראכטן אין די ווערטער וואס אונז זאג מיר יעצט.

די יסוד פון אמונה און בטחון איז, אז קיינער זאל קיינמאל נישט רעדן פון די נעגעטיוו. די טבע פון א מענטש איז אז ער רעדט אזוי: מען דארף גיין אין קאנטרי, אבער איך האב נישט קיין קאר, איך האב נישט קיין געלט, און אונז האבן נישט קיין פערטעקציע, אונז האבן נישט ווער עס זאל רופן, אונז האבן נישט די נאטור... און וואס

די גליונות זענען מחזק טויזענטער אידן וועכענטליך,
מיטן מנדב זיין א גליון האט איר א חלק אין די זיכוי הרבים.
צו מנדב זיין רופט: 845-502-1990

## אינהאלט

**אור הבוקר** – זיך לעבן מיט וואס אונז האבן יא / 'גוט' איז: וואס דו האסט.

**מעשה בחסיד אחד** - לא ראה עמל בישראל.

**אור לנתיבתי** - שאלות בנוגע נשים צדקניות.

**פרקי חינוך** - מאמר: ולמדתם אותם [ח"ג] קינדער בעלי מידות וואקסן פון זען מחנכים בעלי מידות / פון א ליבליכע חינוך וואקסן פירות לשם ולתפארת / די יסוד פון חינוך: מאך דיין שטוב אלס ריכטיגער סימבאל פאר דיינע קינדער / פרייליכע רואיגע קינדער דורך אריינברענגען א לופט פון פרייליכקייט און רואיגקייט.

האסטו דערפון? גארנישט! צעברעכסטיך און יעדער ווערט צעבראכן. מען ווערט מיואש, מען ווערט צאמגעבראכן, מען קען נישט לערנען, מען קען נישט דאווענען.

אונז דארף מיר אריינברענגען און אן אוויר אין יעדע אידיש מויל, קאפ און שטוב, און אונזערע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, אין אונזערע הערצער און מח - א גאנצן טאג נאר רעדן פון וואס מען האט, גארנישט רעדן פון די נעגעטיוו וואס מען האט נישט, נאר דאנקן דעם אייבערשטן וואס מען האט, און טון וואס מען קען, מיט שמחה.

איזה עשיר השמח בחלקו - זאגט דער הייליגער קאזשניצער מגיד - אזויווי דער הייליגער באשעפער האט באשאפן א גאנצע וועלט, פול מיט מענטשן,ביימער, חיות און עופות, שקצים ורמשים, א גאנצע וועלט האט דער אייבערשטער, אבער ער האט נישט קיין תענוג און א נחת רוח, נאר פון די אידישע קינדער, וואס זיי טוען זיין ווילן, זיי זענען זיך מבטל זייערע רצונות צו די רצון ה', און דאס איז א קליינע חלק פון די גאנצע גרויסע וועלט. אבער דער הייליגער באשעפער פרייט זיך מיט די חלק, דער הייליגער באשעפער איז א שמח בחלקו, כי חלק ה' עמו. פונקט אזויווי דער הייליגער באשעפער פון די גרויסע וועלט פרייט זיך נאר מיט די מיעוטא, כי אתם המעט מכל העמים, און מיט דעם פריידט זיך דער הייליגער באשעפער. דארף מיר אונז זיך אויך פרייען מיט די ווייניג וואס אונז האב מיר יא, נישט זוכן די סאך וואס אונז האב מיר נישט. זיך קאכן מיט וואס אונז האב מיר יא, און וואס אונז האב מיר נישט, איז א סימן, אז דאס איז די רצון ה', און דאס איז אויך א חלק פון מיין הצלחת החיים.

קאך זיך נישט אזוי אין זיך צעברעכן, זוך וואס אונז האב מיר יא. און וואס אונז האב מיר, דאס איז די שעשה לי כל צרכי, "טאטע! איך דאנק דיך און איך לויב דיך!". און דאס איז א יסוד, וואס אונז דארף מיר אריינברענגען אין יעדע אידישע שטוב, אויפהערן רעדן פון די 'וואלט ווען געווען' - איזהו עשיר השמח בחלקו.

## ׳גוט׳ איז: וואס דו האסט

איינמאל האט דער חפץ חיים געהערט ווי צוויי אידן שמועסן. איינער פרעגט פון זיין חבר: "וויאזוי פילסטו? וויאזוי איז די פרנסה?!". און דער חבר האט געענטפערט: "ברוך ה', עס וואלט אבער נישט געשאדט, עס זאל זיין אביסל בעסער!"... האט דער חפץ חיים געזאגט: און פון וואו ווייסטו אז עס וואלט נישט געשאדט? אפשר וואלט עס יא געשאדט?! כל מה דעביד רחמנא לטב, יעדע זאך וואס דער הייליגער באשעפער טוט, איז דאך גוט. און אז דער הייליגער באשעפער האט דיר עס אזוי געגעבן, איז פשט, אז ווען עס וואלט געווען אנדערש, וואלט עס יא געשאדט. ממילא זאג דאס נישט. זאג: ברוך ה', אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, און דאס איז מיין טובה, און נאר דאס, און עפעס אנדערש וואלט נישט געווען מיין טובה!

א האלבע וועלט איז אפגעפרעגט מיט די ווארט פון די חפץ חיים. ווייל מענטשן האלטן אין איין זאגן: ווען איך וואלט ווען געהאט דאס, וואלט ווען געווען דאס... זאגט דער חפץ חיים: עס קען נישט זיין! ווייל אויב דו גלייבט אז 'כל מה דעביד רחמנא לטב', איז דאך פשט, אז דער הייליגער באשעפער טוט נאר גוטס, אויב דו האסט נישט דאס, וואס דו טראכסט אז עס וואלט ווען דיר געווען גוט, איז דאך פשט, אז עס וועט נישט זיין גוט פאר דיר. גוט איז וואס דו האסט, גוט איז וואס עס איז!!!

# מעשה בחסיד אחד

## "ער האט פארציילט אויף א געוויסער איד, אז ער פירט זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין"...

אין צופרי ביים הייליגן רבי איציקל נעשכיזער. ער איז שוין געשטאנען אנגעטון מיטן טלית און תפילין גרייט צום דאווענען, איז אריינגעקומען איינע פון די גבאים, און ער האט פארציילט אויף א געוויסער איד, אז ער פירט זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין.

האט זיך אנגערופן דער הייליגער נעשכיזער, מיט א געוויסע טענה. ער האט געגעבן א כאפ אן די קלאמקע (-די הענטל) פון די טיר, און ער האט געזאגט: "דו ביסט שוין ביי מיר אזויפיל יאר, דו ווייסט נישט, אז ווען א מענטש כאפט נאר אן די קלאמקע פון די טיר, ווייס איך שוין און איך בין מרגיש, אלעס וואס ער האט געטון, פון ווען ער איז געבוירן ביז דעם טאג. אבער וואס זאל איך טון? עס שטייט אין די תורה הקדושה, ביים הייליגן באשעפער, לא הביט און ביעקב, דער הייליגער באשעפער קוקט נישט אויף שלעכטס פון יעקב, ולא ראה עמל בישראל, ווייל דער הייליגער באשעפער קוקט נישט אויף די חלק הרע פון כלל ישראל. קען איך קוקן?! אונז קוק מיר נאר אויף די חלק הטוב פון א מענטש. ווען איך זאל קוקן אויף די חלק הרע, לאז איך נישט אריין קיין מענטש אין הויז! ממילא, קום מיר נישט דערציילן קיין שלעכטס אויף אידן!".

און נאך האט דער נעשכיזער צוגעלייגט: ווען ער האט זיך אונטערגענומען צו ווערן דער רב אין נעשכיז, האט ער גע'פועל'ט ביים הייליגן באשעפער, אז ער זאל נישט זען די חלק הרע פון א מענטש, נאר די חלק הטוב. אזויווי רבי אלימלך זאגט אין זיין תפילה.

אונז דארף מיר בעטן יעדן צופרי און יעדן ביינאכט:

**"רבוש"ע! העלף! איך זאל זען נאר גוטס אויף די וועלט! נאר גוטס אויף אנדערע מענטשן! און איך זאל זען אלעס וואס דו טוסט פאר מיר, הייליגער באשעפער, נאר גוטס!".**

מען דארף אויף דעם מתפלל זיין, און בעטן דעם הייליגן באשעפער. מען דארף הארעווען אויף דעם. מען דארף אריינלייגן כוחות אויף דעם. און נישט לאזן דעם יצר הרע מיט די 'נישט נישט נישט', מיט די 'איך האב נישט' און 'ווען איך וואלט ווען געהאט' ח"ו. 'איך האב און איך האב', און איך בין שולדיג הכרת הטוב פארן הייליגן באשעפער. הייליגער באשעפער, וואס דו טוסט איז גוט! א מענטש מעג מתפלל זיין, "הייליגער באשעפער איך בין מתפלל דאס און דאס, ווייל דאס איז דיין רצון, מתפלל צו זיין", מען ווייזט זיך אויס צום הייליגן באשעפער, אוודאי. אבער די אמונה פשוטה, די פנים מאירות, די אמונה שלום בטחון און שמחה, מען טאר פון דעם נישט מסיח דעת זיין קיין רגע.

# אור לנתיבתי

שאלות ותשובות געענטפערט דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## שאלות בנוגע נשים צדקניות

**א פרוי האט אנגעפרעגט: זי האט שוין נישט קיין קליינע קינדער אין שטוב, זי האט שוין מער צייט צו דאווענען. וואס זאל זי דאווענען?**

די תשובה אויף דעם איז: אויב זי האט גענוג צייט צו דאווענען, זאל זי דאווענען די גאנצע שחרית פונקט ווי די מענער. מנחה, אלעס פונקט ווי די מענער, און מעריב אלעס פונקט ווי די מענער. אויב זי האט ווייניגער צייט, לאזט מען אויס. עס איז תלוי, וויפיל צייט זי האט, ווייל זי דארף דאך טון די שטוב ארבעט בכל אופן. אבער א פרוי וואס האט צייט, פארוואס זאל זי נישט דאווענען די גאנצע דאווענען?

**זי פרעגט אויך, אויב עס איז דא אן ענין מוסיף צו זיין מאכלי שבת, וויבאלד זי האט יעצט מער צייט?**

די תשובה אויף דעם איז: בעצם, מען איז נישט משנה קיין מנהג האבות, ציצולייגן צו מאכלי שבת, נאר אויב מען האט עפעס א געוויסע סיבה. מען האט זיך אונטערגענומען פאר עפעס א געוויסע זכר פאר א נס, אדער מען האט דורכגעלערנט די ענינים. סתם אזוי, איז מען נישט מוסיף קיין מאכלים צו די מאכלי שבת, אויב מען קאכט שוין אלעס וואס די עלטערן האבן געקאכט אויף שבת, אדער וואס דער רבי ביי וועלכע קהילה זיי באלאנגן, עסן.

אבער אויב מען האט אין די פריערדיגע יארן אראפגענומען פון די מאכלי שבת, ווייל מען האט נישט געקענט צושטעלן, ווייל מען איז געווען טרוד מיט די קינדער, זאל מען יעצט טאקע צולייגן, די אלע מאכלים וואס איז מקובל ביי די קהילה, ביי די חסידות, צו וואו מען באלאנגט. אוודאי דארף מען עס צולייגן.

**נאך א שאלה האט די פרוי געפרעגט: ווען מען קומט אין בית מדרש, צי עס איז דא אן ענין צו דאווענען תפילה בציבור, מיטזאגן ווי די ציבור האלט, אדער א פרוי קען דאווענען וואו זי וויל דאווענען.**

די תשובה אויף דעם איז: א פרוי האט גארנישט מיט תפילה בציבור. אוודאי, עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, עס איז א גרויסע ענין צו גיין אין בית מדרש, אפילו די נשים צדקניות אויך, שכרם מרובה. אבער מיט תפילה בציבור האבן זיי נישט קיין שייכות. ממילא, זי זאל דאווענען כסדרן אזויווי זי דאווענט געווענדליך, איר סדר פון דאווענען, זי דארף נישט מיטהאלטן מיטן ציבור. אויב זי וויל מיטהאלטן מיטן ציבור, עס מאכט געשמאקער דעם דאווענען, עס ברענגט א ווארימקייט, עס ברענגט א חיות, אוודאי, זי קען עס אויך טון. א פרוי איז נישט מחיוב צו דאווענען כסדרן אויך נישט, א פרוי האט נישט קיין שייכות מיט די ענין פון תפילה בציבור, און אויך נישט מיט דאווענען כסדרן. אבער די כסדרן איז אזוי אוועקגעשטעלט געווארן, אן קיין סיבה האט דאך נישט קיין פשט אז מען זאל נישט דאווענען כסדרן, אזויווי די תקנת התפילה איז אוועקגעשטעלט געווארן. אבער אויב א פרוי קומט אין בית מדרש און זי וויל מיטגיין מיטן בעל תפילה, זי האט רעכט דערויף.

**מען קען הערן די תשובות אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

# פרקי חינוך

איבערגעגעבן מיט א קלארקייט דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מאמר: ולמדתם אותם [ח"ג]

### קינדער בעלי מידות וואקסן פון זען מחנכים בעלי מידות

למשל, אויב ער האט זיך אויסגעלערנט פון זיין טאטע מאמע, מחנך און מחנכת, אז ווען איך ווער אויפגערעגט, שריי איך, איך שלאג, איך פאניש, איך קנס'ע, איך כעס אריין, איך בין שולט אויף דער וואס איז קלענער ווי מיר - דאס איז זיין ציל! און פלוצלונג זעסטו, אז דיין עלטערע קינד רודפ'ט א אינגערע קינד. די עלטערע קינדער אין חדר, גרעסערע; ברייטערע; העכערע, רודפ'ן קלענערע. און דו טראכסט: פון וואו עס קומט? דאס קומט פון די מחנכים!

ווייל ער האט זיך אויסגעלערנט פון זיינע מחנכים, אז שליטה מיינט, אז ווען איך בין גרעסער שטערקער און חשוב'ער ווי א צווייטן, ניץ איך עס אויס צו שולט זיין אויף יענעם. מה שאין כן, אויב דער טאטע, די מאמע, די מחנכים, לייגן אריין גרויסע כוחות מחנך צו זיין די קינדער מיט אהבה, מסביר זיין יעדע זאך, אפילו אויב מען דארף שלאגן, אפילו אויב מען דארף געבן א קנס, אפילו אויב מען דארף פאנישן, אבער אלעס איז מיט מנוחה, מיט א רואיגקייט, מיט א שמחה, מיט א געטריישאפט - וויל די קינד אויפוואקסן א בעל מידות, א געטרייער, א געבער.

### פון א ליבליכע חינוך וואקסן פירות לשם ולתפארת

עס איז געווען א חשובער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט געהאט א מנהג, אליינס אויפציוועקן די בחורים וואס זענען נישט אויפגעשטאנען פון זיך אליין, צו שחרית. ער פלעגט גיין פון שטוב צו שטוב, און ער פלעגט געבן אזא קליינע קלאפ, און ער פלעגט זאגן אזא פרייליך ווארט, "שטארקט זיך בחורים, שטייט אויף צו עבודת הבורא, מודה אני לפניך"... אלס מיט אזא פרייליכקייט, רואיג, מיט א מורא'דיגע מנוחת הנפש.

איין צופרי ווען ער איז אנגעקומען צו די בעט פון איינע פון די בחורים וואס איז געשלאפן, האט דער ראש ישיבה געגעבן אזא קלאפ אויף די פלייצע, אן איידעלע קלאפ, ער זאל זיך אויפוועקן. דער בחור האט זיך מורא'דיג דערשראקן, ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף, און אראפגעלאזט א פראסק פאר דעם ראש ישיבה, און זיך צוריקגעלייגט שלאפן!

דער ראש ישיבה האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט, ער איז ווייטער געגאנגן וועקן די אנדערע בחורים, און געגאנגן אין ישיבה דאווענען. ער האט פארשטאנען אז דער בחור האט אפילו נישט געכאפט וואס ער טוט. און ער האט טאקע געזען שפעטער, ווען דער בחור איז אריינגעקומען אין ישיבה, אז דער בחור איז נישט

צוגעקומען צום ראש ישיבה 'ראש ישיבה, איך שעם מיך מיט וואס איך האב געטון, איך בעט דיך איבער'... דער בחור איז אריינגעקומען כאילו לא היה, ער איז אזוי טיף געשלאפן, אז ער האט אפילו נישט געכאפט וואס ער טוט.

שפעטער האט אים א צווייטער חבר פארציילט, וואס ער האט געטון פארן ראש ישיבה, און ער איז געווארן מורא'דיג פארשעמט און פארווייטאגט, און ער איז געקומען צום ראש ישיבה אים איבערבעטן 'דער רבי זאל מיר מוחל זיין', דער ראש ישיבה האט אים מורא'דיג בארואיגט און אים געזאגט, ער דארף אים נישט איבערבעטן, איך האב געזען אז דו ביסט נישט ביי דיר, דו ווייסט אפילו נישט וואס דו טוסט.

די הנהלת הישיבה האבן עס ממש נישט געקענט אויסהאלטן. זיי האבן זיך צוזאמגעזעצט אן אסיפה צו טראכטן, וויאזוי קען מען איבערלאזן א בחור, וואס האט אראפגעלאזט א פראסק פארן ראש ישיבה, אין ישיבה? עס איז א זאך וואס איז אומדערהערבאר! מען גייט אים ארויסווארפן! אזויווי דער ראש ישיבה האט דאס געהערט, האט ער דער ראש ישביה געזאגט פאר די הנהלה, אז טאמער מען ווארפט ארויס דער בחור, גייט ער ארויס פון ישיבה, ער ווערט אויס ראש ישיבה.

ער האט געזאגט פאר די הנהלה, ער האט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין דעם בחור, ענק ווייסן, דער בחור קומט פון א שווערע שטוב, ער האט ברודערס וואס יידער זיצן נישט אין לערנען. ער האט ברודערס, וואס יידער זיצן שוין אין תפיסה. דער אייבערשטער זאל אפהיטן, אז מען וועט ארויסווארפן דער בחור, וואס עס וועט פון אים אויסוואקסן. איך האב אים מוחל געווען אויף דעם פאטש, ער האט נישט געוואוסט אז ער האט עס געטון, איך האב נישט קיין קפידה, איך וויל בשום אופן שבעולם נישט, אז מען ווארפט אים ארויס, גייט דער ראש ישיבה אויך ארויס.

האבן די הנהלה געפרעגט: אבער עפעס מוז מען דאך טון פאר דער בחור?! האט ער געזאגט: יא, עס איז מיך איינגעפאלן א מורא'דיגע קנס, וואס צו טון פאר דער בחור, די נעקסטע חודש וועט ער מוזן לערנען יעדן טאג מיטן ראש ישיבה, א שיעור מוסר, דאס איז זיין קנס!...

די גרעסטע חשיבות וואס מען האט נאר געקענט געבן פאר א בחור, איז זיין א חברותא פריוואט מיטן ראש ישיבה!...

דער בחור האט געלערנט מיטן ראש ישיבה מוסר, ער איז געבליבן אין ישיבה. און ווען עס איז געקומען די זמן פון שידוכים, האט ער חתונה געהאט מיט א כלה וואס האט געוואלט אז ער זאל זיצן און לערנען.

דער חתן, פארן חופה, איז ער אריינגעקומען נאכאמאל צו דער ראש ישיבה, און ער וויינט בדמעות שליש: "דער רבי זאל מיר מוחל זיין אויף דעם פאטש, איך

בעט דיך, איך גיי גיין צום חופה, איך וויל גיין ריין, כקטן שנולד!". דער ראש ישיבה האט אנגעכאפט דעם בחור'ס האנט מיט א ווארימקייט: "איך זאג דיר די אמת, קיינמאל קיינמאל האב איך נישט געהאט אויף דיר קיין קפידה, פארקערט, איך האב אזא שמחה אז דו ביסט אויסגעוואקסן אזא תלמוד חכם, אן ערליכער איד, געטון אזא לעכטיגע תורה'דיגע אידישע שידוך!", און ער האט אים אנגעוויטשן כל מיני ברכות, און ער איז געקומען צו די חופה, צו די חתונה.

ווען דער ראש ישיבה איז נפטר געווארן לחיי העולם הבא, איז געקומען די עולם מנחם אבל זיין די קינדער. אינמיטן איז אריינגעקומען א איד, וואס מען האט געזען אויף אים אז ער איז א בן תורה, ער האט געהאט א פראק מיט אזא רבני'שע היטל ווי א ראש ישיבה, צו א רב. ער האט זיך געזעצט קעגן די אלע קינדער, און ער זאגט: "איך וויל ענק עפעס פארציילן וועגן ענקער טאטע"... און ער פארציילט די גאנצע מעשה.

און ער ענדיגט צי: איך בין דער בחור, און איך בין היינט א טאטע פון צען קינדער בלי עין הרע! ער אליין איז א ראש ישיבה, און אלע זיינע קינדער זיצן אין לערנען. און אלס אין דעם זכות וואס מען האט אם געלאזט אין ישיבה, מען האט אים נישט ארויסגעווארפן, מען האט געלערנט מיט אים מוסר, מען האט אים געזאגט מוסר, און מעניש געווען אויף א ליבליכע תורה'דיגע וועג. עס איז געווען א 'קול קול יעקב', דאס איז א מורא'דיגע מעשה.

## די יסוד פון חינוך: מאך דיין שטוב אלס ריכטיגער סימבאל פאר דיינע קינדער

רש"י זאגט ביי די פרשה פון 'בן סורר ומורה': נהרג על שם סופו. ער האט נאך גארנישט געטון יעצט, אבער ווייל ער גייט טון, ימית זכאי ואל ימית חייב, ער זאל אוועק פון די וועלט ווען ער איז נאך ריין, און נישט ווען ער איז שוין שולדיג. לכאורה שטעלט זיך א שאלה, די מפרשים פרעגן: עס שטייט ביי ישמעאל, ווען ישמעאל איז געווען א קליין קינד, און הגר האט אים געגומען דארט אין די וואלד, און עס האט אויסגעקוקט ווי ער גייט אויס פון דארשט, שטייט, אז דער הייליגער באשעפער האט אים גע'משפט 'באשר הוא שם', לויט זיינע מעשים אין יענע צייט, און נישט לויט וואס עס גייט געשען. אויב אזוי, אונז האבן א כלל, אז דער אייבערשטער משפט 'באשר הוא שם', פארוואס א בן סורר ומורה משפט מען, לויט וואס עס גייט זיין?

אויף דעם שטייט פון רבי אלעזר אבוחצירה אין זיין ספר פקודת אלעזר, זאגט ער א מורא'דיגע ווארט: א 'בן סורר ומורה' קומט ארויס פון א זיווג, פון א איד מיט א גויה, מיט אן אשת יפת תואר, וואס איז געווען דארט אין די מלחמה, וואס די תורה האט מתיר געווען לצורך שעה, אזוי שטייט אין די תורה, אז די סוף וועט זיין, אז מען וועט געבוירן א קינד, א בן סורר ומורה. זאגט די תורה: אויב דער

האט א מאמע וואס איז נישט ערליך, ער גייט שוין אויסוואקסן א בן סורר ומורה, עס איז נישט נוגע.

מה שאין כן ביי ישמעאל, וואס ער איז געבוירן געווארן צו א זיווג כשר, אברהם אבינו מיט הגר, אין אזא הייליגע לעכטיגע שטוב, האט די תורה געזאגט, מען וועט אים דן זיין לפי מעשיו יעצט, באשר הוא שם, נישט וואס גייט זיין, ווייל ער האט פון וואו צו נעמען צו בלייבן ערליך, און איך ווייס נישט אויב עס גייט געשען די אלע שלעכטע זאכן.

דאס איז די יסוד פון אונזער חינוך. די יסוד פון אונזער חינוך איז, אונז זאל מיר פארזיכערן, אז אונזערע קינדער זעען אין אונזער שטוב א סימבאל, וואס זיי זאלן וועלן נאכטון, און וועלן אזוי אויסוואקסן, און אונזערע הנהגות זאלן צוברענגען אז זיי זאלן דאס וועלן אויסוואקסן.

## פרייליכע רואיגע קינדער דורך אריינברענגען א לופט פון פרייליכקייט און רואיגקייט

מען פארציילט אויפן חזן איש א מורא'דיגע זאך. איינער פון די מתפללים קבועים אין די מנין פון די חזון איש, האט אמאל מיטגעברענגט זיין קליינעם קינד צום דאווענען. און א קליין קינד איז א קליין קינד, ער האט געמאכט גרודער, ער האט גערעדט, ער האט ארומגעטאנצן. און די טאטע האט אים געזאגט: "איך וועל דיך אנשלאגן, זיי שטיל און זיי רואיג!". די קינד האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט, ער האט ווייטער גקינדעט ווי א קינד. אזויווי דער טאטע האט דאס געזען, האט ער פארלוירן זיין סבלנות, און ער האט מיט א כעס אים אנגעשריגן און אים אנגעשלאגן.

נאכן דאווענען איז דער חזון איש צוגעגאנגן צו די טאטע, און ער האט אים געזאגט: "האסט אויסגעלערנט פאר דיין קינד צוויי זאכן. איינס, מען טאר נישט שטערן דאס דאווענען. און דאס צווייטע, ווען מען ווערט אין כעס, קלאפט מען עס ארויס אויפן קינד. דאס האסטו אויסגעלערנט פאר דיין קינד, צוויי זאכן.

דאס איז א בן סורר ומורה. אז דו לערנסט אויס פאר דיין קינד, אין די זעלבע מינוט, אז מען מוז דאווענען, און א מינוט שפעטער לערנסטו אים אויס, אז מען מעג כעס'ן, און מען מעג שלאגן, און מען מעג שרייען ווען עפעס באדערט דיר פערזענדליך, האסטו אים געגעבן א 'בן סורר ומורה חינוך'.

אי"ה אין קומענדיגן גליון וועלן מיר ווייטער ממשיך זיין מיט דעם פרק – די שיעורי חינוך קען מען הערן אויף קנעפל: 25

קול פנים מאירות

ארה"ב: 845-414-0076 / ענגלאנד: 0330-350-3190 // ארה"ק: 0-72-370-1823 / ארגענטינע: 5411-2152-7691 // אנטווערפן: 323-346-0673

צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת שיקט צו:

gilyonospm@gmail.com